פולע טאבעלעז פון דער מלוכה-לאטעריע זעה זייט 3,2

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 269 | Łódź, Niedziela, 20 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, כ״א מרחשון תרצ״ג | № 269

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ערב היטלער'ס נאמינאציע
## אויפ'ן אמט פון דייטשען קאנצלער
## דערנעהנטערונג צווישען היטלערן און הינדענבורגן

בערלין, 19 (ספ.־טעל.)

היינט האט דער פרעזידענט הינדענבורג אויפגענומען אויף א צוויי-שעה'דיגער קאנפערענץ היטלערן, צוערשט האט פרעזידענט הינדענבורג גערעדט מיט היטלערן אויג אויף אויג, דאן האט דאס געשפרעך בייגעוואוינט דער וויצע-מיניסטער פאן מייסנער. דער אפיציעלער קאמוניקאט טיילט מיט, אז די אונטערהאנדלונגען וועלען פארטגעזעצט ווערען אין די נאהענטסטע טעג. פון די היטלערישע קרייזען מעלדעט מען, אז היטלער האט געפאדערט די טעקע פון קאנצלער.

מ'האלט, אז דער רעגירונגס-קריזיס וועט ליקווידירט ווערען. ס'זעהט אויס, אז ס'איז געקומען צו א דערנעהנטערונג צווישען היטלערן און הינדענבורג'ן, אין די פאליטישע קרייזען האלט מען, אז היטלער וועט בעקומען די מיסיע צו בילדען דעם נייעם קאבינעט, ס'איז אבער מעגליך, אז די מיסיע וועט איבערגעגעבען ווערען אן'אנדער אנפיהרער פון די היטלעריסטען.

## „לעוויאטאן" געגען מלוכה-בודזשעט
### דער ארגאן פון די גרויס-אינדוסטריעלער האלט, אז דער בודזשעט איז נישט רעאל

ווארשע, 19 (טעלעפאניש).

אין די פאליטישע קרייזען ווערט שטארק קאמענטירט די שטעלונג פון „לעוויאטאן" צום מלוכה-בודזשעט, דער ארגאן פון די פוילישע גרויס אינדוסטריעלער „פשעגלאנד גאספאדארטשי" האלט, אז דער בודזשעט איז נישט רעאל. די צייטונג האלט, אז דער סיים וועט מוזען דעם בודזשעט ענדערען לויט די בעדערפענישען פון דער איצטיגער לאגע.

## ריזיגע שרפה אין א רומעניש שטעטעל
### צעהנדליגער יודישע משפחות אהן דאך

בוקארעשט 19 (ימ״א טעלעגראפיש)

אין שטעטעל קאסאצין איז אויסגעבראכען א ריזיגע שרפה. די שוהל און פיל יודישע הייזער זענען פארברענט געווארען. די ספרי-תורות זענען נישט אפגעראטעוועט געווארען. צעהנדליגע יודישע משפחות זענען געבליבען אהן דאך איבער'ן קאפ.

## לאטווישע פאשיסטען בעפאלען די רעדאקציע פון „פרימארגען"

ריגא, 19 (ימ״א טעלעגראפיש)

א גרופע כוליגאנעס זענען בעפאלען די רעדאקציע פון דער יודישער צייטונג „פרימארגען", זיי האבען איבערגעריסען די טעלעפאנישע פערבינדונג און דעמאלירט דעם לאקאל. די אנפאלער זענען לאטווישע פאשיסטען.

מזל-טוב

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער חשוב'ן פערוואלטונגס-מיטגליד

לייבל לעווקאוויטש

און פרוי

צום געבורט פון זייער טעכטערל און מיר ווינשען זיי א גרינגע דערציהונג.

חבר"ה „כנסת בחורים"

פעפער-גאס 17.

מזל-טוב. צו דער חתונה פון אונזער גוטען פריינד ה' נאטאן זאלצמאן מיט פרל. רוזשא פעלמאן ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען.

4758 י. רייטמאן, ב. בארנשטיין.

ב רילאנטען, גאלד, זילבער און לאמבארד-קוויטען

קויף איך און צאהל די העכסטע פרייזען

יובילער-געשעפט מ. מיועס, לאדז, טיעטריק. 30

פאלקס-אוניווערזיטעט

ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאדז.

היינט זונטאג, 20.11. 8.30 אוו. אין לאקאל פון דער ציוניסט. ארגאניזאציע, שרודמיעסקא 29

רעציטאציע-אווענד

פון דיכטער אפרים פלאקסער

דינסטאג, 22.11. – דיר. ד. גייער (פויליש) איבער שעקספיר און יודען.

4764

היינט, זונטאג, ד. 20/11 פינקטליך 6 אווענד קומט פאר אין פעראיין „לינת משמורים" זיעלאנא – 26 –

די ערשטע אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג; 2) וואהל פון א פרעזידענט, אססעסארען און סעקרעטאר; 3) קאסע- און טעטיגקייטס-בעריכט; 4) בעריכט פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע; 5) בודזשעט פארן יאהר 1932/33; 6) וואהלען פון א נייע פערוואלטונג, קאנדידאטען, רעוויזיאנס-קאמיסיע און שידס-געריכט; 7) פרייע פארשלאגען.

4763 די גרינדער.

Dr. med. H. ŁUBICZ

ספעצ. פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקה

צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32

נעמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אווענד. זונטאג פון 9–1 ביי טאג.

„לינת-הצדק" לאדז צעגעלניאנא 17

דער פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט

איז טעגליך טעטיג פון 11–1 און 4–6 אווענד און געפינט זיך אונטער'ן אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאליסט. קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, סאללוקס, עלעקטרישע בעדער.

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד

נאך לאנגע שווערע ליידען איז דעם 19 טען נאוועמבער 1932 געשטארבען מיין ליבער מאן, אונזער טייערער פאטער, שוויגערפאטער און גרויספאטער

נ״ע חיים מאיר ליבראך

בן ר' יצחק ז״ל

אין עלטער פון 79 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, דעם 20 נאוועמבער ד. י. 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פאמארסקא 6, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויער. דע הינטערבליבענע.

ווי כטיג נייעס פאר מחותנים!

אויב איהר האלט ביי חתונה מאכען אייערע קינדער. אזוי געהט נישט דינגען פריהער קיין זאל ביז איהר וועט נישט קומען צוערשט זעהען דעם פריש ערשט-קלאסיגען רעסטאראנט

ווארשאווער זאל, פאלודניאווא 36

וועלכער איז געווארען איינגעארדענט ספעציעל אויף חתונות און חינוך'ס און אויף פערשידענע פערווייליגונגען אדער אויף פארציעס-חתונות אויף די בעסטע בעדינגונגען צו די צוגענגליכסטע פרייזען.

צו אינפארמירן זיך טעגליך פון 7 פרי—10 אוונד אין ווארש. זאל פאלודניאווא 36

הזכרה.

היינט, זונטאג, דעם 20-טען נאוועמבער ד.י. פינקטליך 12 א זייגער בייטאג קומט פאר אויפ'ן בית-החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון די מצבות פון אונזערע ליבע און אינפערגעסליכע עלטערען

4745

פייוויש און מרים העגדל נייטאן ז״ל

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען.

די זיהן יעקב און לייביש נייטאן.

לייענט און פערשפרייט דעם „נייעם פאלקסבלאט"

Dr. Schweig

זאוואדזקא 6, טעל. 215-01

צוריקגעקעהרט

פאר גאלד, בריליאנטען, ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטעם צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזדאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

1640

די נייע טאנץ-שולע פון ב. ליבאוויטש

פאלודניאווא 36

הויבט אן א נייעם קורס, אבער נאר מיט יודישע געזעלשאפט לאנג און קורץ-געקליידעטע.

איינשרייבונגען פון שילערינס און שילער קומען פאר טעגליך פון 7 ביז 10 אווענד. שבת און זונטאג פון 11 פריה ביז 10 אווענד.

מיט אכטונג

דיפלאמירטער טאנץ-לעהרער

ב. ליבאוויטש.

